STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05079

DEM FRILINGS BAFRAYUNG

I. Giligich

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Joseph H. Sokoloff
in memory of
Jennie & David Finkelstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גיליגיטש.

דעם פרילינגס באַפרייאונג

א פאַנטאַסטישע פיעסע אין 3 אַקטן.

ווילנע, 1922.

ארויסגעגעבן דורך דער צענטר. ייד. שול-אָרגאַניזאַציע אין ווילנע.

זעצעריי פון דער ״ידישער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע
דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער 13.

פערזאנען:

שלמהלע — א ייגנעלע א פארחלומטער, א פארטראכטער—13 יאר

זיינע שול-חברים:

- חיימקע
- בערעלע
- שלומקע
- שמואלקע
- הירשקע
- דבורהלע

די וואלד-פייע.

דער וואלד-פייעס דינער:

- 1-טער קארליקל
- 2-טער קארליקל
- 3-טער קארליקל
- וייסבערדעלע

דער ווינטער-קיניג.

דער שניי-מענטש.

דער פרילינג.

פרעסט, ווינטן, שנייעלעך, קארליקלעך, קראליקלעך, העזעלעך.

צייט:

1-טער און 2-טער אקט — ווינטער,

3-טער אקט — אנהייב פרילינג.

ארט:

1-טער אקט אין א גארטן,

2-טער אקט—ביי דער וואלד-פייע,

3-טער אקט—אין ווינטער-קיניגס פאלאץ.

ערשטער אקט.

ווינטער. אַ סאָד. די ביימער שטייען נאַקעט, רעכטס אַ קליין שטיבל, לינקס אַ באַנק. אַלץ איז מיט שניי באַדעקט. אינ־מיטן שטייט דער שניי־מענטש. בערעלע און משהלע מיט ברעטעלעך אין די הענט גלעטן אים אַרום. דבורהלע און שלומקע קייקלען אַ שניי־ביקל. חיימקע שניצט פון אַ ריטל אַ פּאַפּיראָס פאַרן שניי־מענטשן.

חיימקע. נו, איך בין שוין באַלד פאַרטיק. איך האָב פאַר אים אַ ציגאַר, שוין איינמאָל אַ ציגאַר! איך האָב נאָר מורא, אַז ער וועט אָנהייבן רויכערן, וועט אים רינען פון דער נאָז. אַך, ווי קאַלט! אָפּגעפרוירן די פינגער! (רייבט די הענט, הויכט אויף זיי) דער ווינטער האָט זיך ערשט צעשפּילט אַזוי ווי ס׳דאַרף צו זיין. שוין לאַנג אַזוינע קעלטן ניט געווען.

דבורהלע. פע, שלומקע, נאָר איך אַליין קייקל דעם ביקל, דו רוסט זיך אַלע ווילע אָפּ. איך האָב שוין קיין הענט ניט (קלאַפּט מיט אַ האַנט אָן אַ האַנט).

שלומקע. אַז איך קען זיך ניט צורירן צום שניי: ס׳זיינען מיר פאַרגאַנגען זאַשפּאָרעס אין די פינגער, שטעכט ווי מיט נאָדלען (נעמט אַריין די פינגער אין מויל אַריין, הויכט אויף זיי).

בערעלע. (צו דבורהלען מיט שלומקען) נו, וואָס זייט איר דאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן? רירט זיך, גיט אַהער דעם

שניי. נאָר אַרומגלעטן די האַלז, אַריינשטעלן אַ פּאָר אויגן, אַ פּאַפּיראָס אין מויל און רבֿ שניי־מענטש איז פאַרטיק (די קינדער קייקלען צו דעם שניי, אַלע אַרבעטן).

שלמהלע. וואָס וועלן מיר אים געבן אין האַנט?

בערעלע. אין האַנט? דערלאַנג מיר, אָט דאָרטן דאַרף ליגן אַ בעזים (משהלע דערלאַנגט דעם בעזים, מע שטעלט אים אַריין אין האַנט פון שניי־מענטשן). אָבער וואָס איז שלמהלע אַזוי לאַנג ניטאָ? ער האָט דאָך צוגעזאָגט באַלד קומען. מיר זיינען שוין דאָ אַוודאי אַ שעה צוויי, און ער זעט זיך נאָך אַלץ ניט. וואָס קען דאָס זיין? אפשר האָט זיך מיט אים עפּעס געטראָפן?

חיימקע. (פאַרמאַכט דאָס מעסערל, לייגט דאָס אַריין אין קעשענע). ווייס איך וואָס! ער האָט זיך מסתמא פאַרקוקט אויפן נעכ־טיקן טאָג. איר קענט אים ניט? זיצט מן הסתם אין שטוב, קוקט אויפן באַלקן און טראַכט. וואָס טראַכט ער? פרעגט אים בחרים! דאָ ניט לאַנג זיצן מיר און ריידן וועגן מיין בייעם שליטעלע, פּלוצלונג הייבט ער זיך אויף און זאָגט אַזוי פאַרטראַכט, פאַרחלומט: „זאָלסט וויסן, חיימקע, ווי איך וואָלט געוואָלט, ס'זאָל שוין זיין פרילינג! איך בענק אַזוי נאָך אים! איך האָב מורא, אַז דער ווינטער וועט קיינמאָל ניט אויפ־הערן. אַך, וואו איז איצט דער פרילינג?"

דבורהלע. יאָ, אויף אים קען מען דאָס גלויבן. אַ מאָדנער יינגל! שטענדיק טראַכט ער וועגן עפּעס. ס'וואָלט אים געפּאַסט צו זיין אַ מיידל... וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט אַלע, ווי ליימענע? וואו זיינען די קוילן? גיט זיי אַהער, וועל איך מאַכן אַ פּאָר אויגן. (נעמט ביי בערעלען די קוילן, שטעלט אים אַריין אין די אויגן)

זעט, זעט, סאַר אַ אויגן, זעט, ווי ער קוקט, כאַ, כאַ, כאַ...
(צום שניי-מענטשן) וואָס זעסטו, אַ? (צו די קינדער) איצט
דעם ציגאַר. זעט, סאַר אַ פראַנט ער איז! (רייסט אראָפ
ביי בערעלען זיין ווינטערדיקע היטל, טוט זי אָן דעם שניי-מענטשן
אויפן קאָפּ) אָט אַזוי ביסטו אַ מענטש! (טרעט אָפּ אויף
אַ פּאָר טריט) נו, זאָגט אַליין, וואָס פעלט אים? דו, בע-
רעלע, טו אָן דעם באַשליק אויפן קאָפּ (ווייזט אויפן שניי-
מענטש) ס׳איז אים נעבעך קאַלט צו שטיין מיט אַ הוילער
קאָפּ. קינדער! איר ווייסט, ווי מיר ווען אים אַ נאָ-
מען געבן? שנייער, פעטער שנייער!

אַלע. אמת, אמת, פעטער שנייער, טאַקע פעטער שנייער!

חיימקע. איך האָב ערגעץ געזען אין אַ ביכל אויך אַזאַ
נאָמען. אַי, דבורקע! זי איז שוין איינמאָל אַ כוואַט!

דבורהלע. וואָס-זשע זייט איר אַלע אַנשלאָפן געוואָרן?
נעמט זיך פאַר די הענט, און לאָמיר אַלע דעם פעטער
שנייער מקבל פּנים זיין! (אַלע נעמען זיך פאַר די הענט
טאַנצן אַרום שניי-מענטש).

אַלע. עס קומט דער קאַלטער ווינטער,
פאַלט אויס אַ טיפער שניי,
מיר מאַכן פון אים מענטשן
און שפּילן זיך מיט זיי.

אָט זיינען שוואַרצע קוילן
אין קאָפּ אַריינגעשטעלט,
זיי קוקן אָן פאַרוואונדערט
די ווייסע ווינטער-וועלט

היינט קוקט זיך צו צום מיילכל,
דאָרט שטעקט אַ פּאַפּיראָס,

ער וועט מיט אַש פאַרשמירן
די ווייסע גראָבע נאָז.

און זעט נאָר, זעט דעם אָנשטעל,
דעם בעזים ווי ער האַלט!
ער גייט דאָך גאָר אָן הענטשקעס
און ס'איז אים גאָרניט קאַלט.

טאָ שטיי־זשע, ווייסער וועכטער,
און היט דעם ווינטערס טיר,
ווייל קומט נאָר אָן דער פרילינג,
איז שוין אַ סוף נאָך דיר.

שמואלקע. (לויפט אריין מיט חנהלען, מירעלען און הירשקען)
זעט נאָר, וואוהין זיי האָבן זיך פאַרקליבן. אַ, סאַר אַ שניי־מענטשן זיי האָבן געמאַכט! מיר גייען באַלד זיך גליטשן אויפן טייך, קומט, איר גייט? אָט וועט דאָס זיין פריילאַך! (קוקט זיך ארום), וואו איז שלמהלע, ניט מיט אייך?

בערעלע. ניין, ער איז דאָ ניט געווען, מיר ווייסן אויך ניט, וואו ער איז (ס'באווייזט זיך שלמהלע, אומעטיק, פארטראַכט)
אָ, מע זאָל דערמאָנען משיחן! וואו ביסטו געווען?

דבורהלע. מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואַרט אויף דיר. האָסט דאָך צוגעזאָגט באַלד קומען! אַ שיינער וואָרטס־מאַן!

שלמהלע. איך בין געזעסן ביים פענסטער און געקוקט אויפן שניי. און מיר איז אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז ס'האָט זיך געוואָלט וויינען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ערד איז געשטאָרבן און מע האָט זי איינגעהילט אין לאַנגע ווייסע תּכריכים. ליגט זי אַזוי־

אַ טויטע, אַ שווייגעדיקע, און די ביימער שטרעקן אויס אין שלאָף צום הימל זייערע דאַרע שוואַרצע הענט, ווי זיי וואָלטן געבעטן, ער זאָל זיי שענקען עטלעכע וואַרימע שטראַלן. און דאָס פריילעכע ברומענדיקע טייכל, ~~וואָס פלעגט זיך שטיל סודען מיטן גראָז אויפן ברעג און דערציילן לאַנגע שיינע מעשיות פון די ווייטע ערטער, וואו עס פליסט,~~ — ליגט איצט געשמידט אין גראָבע ווייסע אייז=קייטן, און איז פאַרגליווערט געוואָרן. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז ס'זאָל קומען דער פרילינג. מיין מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז דער פרילינג קומט ניט דערפאַר, וואָס דער ווינטער=קיניג האָט אים געפאַנגען און האַלט אים פאַרשפאַרט ביי זיך אין שלאָס. זיצט ער אַ טרויעריקער און וואַרט, ביז עמיצער וועט קומען אים באַפרייען. איך זיץ אַזוי און טראַכט — פלוצלונג הער איך, אַזאַ ווייכע אומעטיקע שטימע רופט: „העלף מיר, לאָז מיך אַרויס, לייז אויס די גאַנצע וועלט“. איך בין אויפגעשפרונגען, זיך אַרומגעקוקט, נאָר כ'האָב קיינעם ניט געזען, קיינער איז אין צימער ניט געווען.

חיימקע. וואָס האָב איך אייך געזאָגט? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער זיצט ערגעץ און טראַכט. אפשר וואָלסטו טאַקע גיין באַפרייען דעם פרילינג? וואָט שווייגסטו? מיר וואָלטן דאַן פייגעלעך געכאַפּט, בלומען געריסן. דיר וואָלטן מיר אונטערגעטראָגן אַ גרויסן בלומען=קראַנץ. כאַ, כאַ, כאַ, דו וואָלסט אויסגעזען ווי דעם פרילינגס אַ ברודער. ניט אמת, קינדער? (לאַכט)

אַלע. (פריילעך) אמת, אמת, ווי דעם פרילינגס אַ ברודער באַ, כאַ, כאַ, (לאַכן)

הירשקע. נו, וואָס שטייען מיר? קינדער, קומט נעמען די שליטעלאַך, ס׳ווערט שוין באַלד נאַכט. הייגט דאַרף זיין אַ ליכטיקע נאַכט. פאַר דער לבנה וועט זיין נאָך אָנגענעמער צו גליטשן זיך. נו, רירט זיך, קינדער! (לאָזן זיך גיין, שלמהלע בלייבט שטיין פאַרטראַכט, די קינדער שטעלן זיך אָפּ)

חיימקע. קום, שלמהלע, קום מיט אונז, וואַרף אַוועק דיינע נאַרישע חלומות, קום זיך בעסער גליטשן. איך נעם דיך אויף מיין שליטעלע. מיר וועלן פליען אַראָפּ אַ באַרג, ווי פייגלען. נו, קום!

שלמהלע. איך וויל זיך ניט גליטשן. איך וועל דאָ פאַרבלייבן אַ ביסל. איך וועל אפשר שפּעטער צוקומען צום טייך. גייט דערווייל אָן מיר. שפּילט זיך אַליין.

חיימקע. נו, ווי דו ווילסט זיך. אַ גוטע נאַכט. פאַרברענג דאָ מיטן פעטער שנייער. אַז דו וועסט גיין זוכן דעם פרילינג, נעם אים אויך מיט, וועט דיר זיין היימלעכער. כאַ, כאַ, כאַ, קומט, קינדער. (די קינדער לויפן אַוועק מיט אַ געלעכטער)

שלמהלע. (שטייט אַ ווײלע, גייט לאַנגזאַם צו צום שניי-מענטשן, באַקוקט אים, גייט אָפּ צום באַנק, פאַרטראַכט, רעדט צו זיך אַליין. ס׳ווערט אַלץ טינקעלער און טינקעלער) דו וואָלסט אויסגעזען, ווי דעם פרילינגס אַ ברודער... נאַרישע קינדער! זיי ווייסן ניט ווי גליקלאַך איך וואָלט דאַן געווען (פויזע. זיצט און שאַרט מיטן פוס דעם שניי, שאַרט אַרויס אַ טויטע פייגעלע, נעמט דאָס אין ביידע הענט, הויכט אויף דעם) אָרימע פייגעלע, דו האָסט דאָך אַזוי געוואַרט אויפן פרילינג, אָבער האָסט זיך ניט געקענט דערוואַרטן. דער בייזער ווינטער-קיניג האָט זיינע ווינטן און

פרעסט אויף דער ערד געשיקט: דו האָסט ניט גע=
קענט איבערטראָגן זייער קאַלטן אָטעם און ביסט
פאַרפראָרן געוואָרן. (לייגט אַוועק דאָס פייגעלע אויפן באַנק.
שטייט אויף) ווי ווייס, ווי קלאָר דאָ איז, אָבער ווי
טויט! וואו ביסטו, פריילינג ליבער? ווען וועסטו שוין
קומען? ווער קען מיר איבערגעבן אַ גרוס פון דיר?
איך בענק אַזוי נאָך דיר.

שניי=מענטש. איך.

שלמהלע. (פאַרוואונדערט, אַ ביסל דערשראָקן) דו?

שניי=מענטש. יאָ, איך. דו זעסט, איך בין צונויפגע=
שטעלט פון אַ סך קליינע=קליינינקע שנייעלאַך, וואָס
האָבן זיך גאָר ניט לאַנג אינדערלופטן, ווי פעדער=
לאַך געטראָגן. איידער מיר זיינען אויף דער וועלט
אַרויס, זיינען מיר ביים ווינטער קיניג אין פאַלאַץ געזעסן,
ווייט, ווייט, אין קאַלטן צפון. מיר האָבן זיך געשפּילט,
געזונגען, געטאַנצט. ביי אונז איז דאָרט זייער פריי=
לעך געווען. דעם ווינטער קיניגס פאַלאַץ איז פון
ריינעם ווייסן אייז=קרישטאָל געבויט און ס'איז דאָרטן
ליכטיק, ווי אין דרויסן. די ווינטן פלעגן אונז לידע=
לעך זינגען און מעשהלעך דערציילן. אַמאָל פלעגט
טרעפן, אַז דער ווינטער=קיניג אַליין פלעגט זיך שפּילן
מיט אונז. אָט איז ביי אונז דאַן אַ יום=טוב געווען!
די אַלטע פרעסט מיט לאַנגע ווייסע בערד פלעגן
ווייסע ליילעכער אויף דער ערד אויסשפּרייטן און
מיר האָבן געטאַנצט אויף זיי. אָט איז דאָס פריילעך
געווען! איינמאָל איז געקומען דער ווינטער=קיניג,
האָט אונז אַלעמען צוזאַמענגערופן און געזאָגט צו
אונז: „נו, קינדערלעך, איר מעגט שוין זיין רואיק,

דער פרילינג וועט שוין מער אונזער שמחה ניט פאַרשטערן. ער זיצט שוין ביי מיר איצט פאַרשפּאַרט אין שטאַרקסטן אייז־צימער און קיינער וועט שוין צו אים ניט צוקומען. ער האָט אונז צוגעפירט צום צימער, האָט אויפגעעפנט אַ קליין פענסטערל און האָט אונז געהייסן קוקן. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און אַריינגעקוקט אין פענסטערל. סאַר אַ יונגינקער ער איז, דער פרילינג, סאַר אַ שיינינקער! ער איז געלעגן אויפן אייז און געציטערט פאַר קעלט. ער האָט אַפילו דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, ווען מע האָט דאָס פענסטערל געעפנט. אָט איז דאָס געווען ביי אונז אַ שמחה! מיר האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געפרייט ווי דאַן.

שלמהלע. אָרימער פרילינג! (צום שניי־מענטשן). וואו־זשע געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון דעם ווינטער־קיניג?

שניי־מענטש. דאָס וועל איך דיר ניט זאָגן, קיין מענטש טאָר וועגן דעם ניט וויסן.

שלמהלע. אָרימער פרילינג! מע האָט דיך געפאַנגען און אין אַ קאַלטן אייז־צימער פאַרשפּאַרט. אָבער דו וועסט דאָרט לאַנג ניט זיצן. איך גיי צו דיר. איך וועל שוין געפינען דעם פּאַלאַץ פון דעם בייזן ווינטער־קיניג. איך וועל דיך באַפרייען, און מיר וועלן ביידע צוריקקומען אַהער. נאָר ליכטיק, וואַרים וועט דאָ זיין. די גאַנצע וועלט וועט אויפשטיין פון איר טיפן שלאָף. שיינע שמעקנדיקע בלומען וועלן באַצירן די גרינע ערד און איך מיט דיר מיט בלומען־קרענץ אויפן קאָפּ וועלן גיין באַפרייען די וועלט פון דעם

ווינטער. יאָ, איך גיי צו דיר, איך וויל זיין דיינער
אַ ברודער! (גייט אַוועק)

שניי-מענטש. וואָס טוט מען? ער וויל באַפרייען דעם פרילינג. מע מוז שוין אָנזאָגן דעם ווינטער-קיניג. אָבער ווי אַזוי? איך בין צוגעפרוירן צום אָרט און קען זיך ניט רירן. (שרייט) שנייעלעך, ליבינקע, גיכער קומט אַהער, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן (ס׳לויפן אַרויס פוןביידע זייטן בינע-שנייעלאַך, דרייען זיך אַרום שניי-מענטשן). שוועסטערלאַך, טייערע, פליט עטלעכע פון אייך וואָס גיכער, זאָגט אָן דעם ווינטער-קיניג, אַז אַ ייִנגעלע וויל דעם פרילינג באַפרייען. (עטליכע שנייעלאַך לויפן אַוועק) און די איבעריקע פאַרשיט דעם וועג, ער זאָל ניט וויסן, וואוהין צו גיין.

אַ שנייעלע. האָב קיין מורא ניט, מיר וועלן אים אינגאַנצן פאַרשיטן, פאַרלאָז זיך אויפן אונז. קינדערלעך, אין וועג אַריין. (זיי הייבן זיך אָן דרייען, זינגען)

שנייעלאַך.
מיר קומען פון צפון
אַהער אויף דער וועלט,
מיר ברענגען אַ בשורה
פון ווינטער, פון קעלט.

מיר טאַנצן און שפּרינגען
און טראָגן זיך פריי,
און ס׳פייפט אונז אַ ווינטל
אַ לידל דערביי.

דער קיניג פון ווינטער —
ער שמייכלט, ער שפּאַסט;

ער קומט מיט די פרעסטלאַך
צו פליען צו גאַסט.

און אַלע צוזאַמען
צעהוליען זיך באַלד,
פאַרשיטן די פעלדער
פאַרווייען דעם וואַלד.

(דרייען זיך; דרייענדיק זיך און זינגענדיק, פאַרלאָזן זיי די בינע. ביי די לעצטע קלאַנגען פון דעם ליד הייבט לאַנגזאַם אָן פאַלן דער פאָרהאַנג).

פ אָ ר ה א נ ג .

צווייטער אקט.

בײַ דער וואַלד־פּייע אין פּאַלאַץ. אין הינטערגרונט שטייט אַ נידעריקע בעט מיט גראָז געבעט. די ווענטלעך זייַנען באַפּוצט מיט בלומען־גירליאַנדן. איבער דער בעט הענגט אַ גרין חופּה־ביידל מיט בלומען געשטיקט, רעכטס אַ פּענס־טער, לינקס אַ טיר. ביי די ווענט שטייען בלומען און אַלערליי געוויקסן אין גרויסע הילצערנע קעסטלעך. די ווענט זייַנען באַפּוצט מיט בלומען און בלעטער־גירליאַידן. מיט פעלן פון פאַרשיידענע חיות און הירשן־הערנער. פאַר דער בעט ליגט אַ גרויסע בערן־פעל. אינמיטן צימערל ברענט אַ פייערל. איבערן פייערל אויף דריי שטעקלעך קאָכט זיך אַ פּענדעלע מיט עסן. אויפן בעט שלאָפט די וואַלד־פּייע צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע פון בלעטער. אין דער לינקער זייט שפּילן זיך זעקס קראָליקלעך, אין דער רעכ־טער—זעקס העזעלעך, ביים פייער אַרום פּענדעלע זיצן זעקס קאַרליקלעך. אייניקע פלעכטן אַ בלעטער־גירליאַנדע, איי־ניקע פּרעסן די בלעטער, איינער פאַרריכט פון צייט צו צייט דעם פייער און פאַרזוכט דאָס עסן.

1־טער קאַרליקל. זע נאָר, זי שלאָפט נאָך

2־טער קאַרליקל. יאָ, זי שלאָפט זייער שטאַרק. ווי נאָר דער ערשטער שניי האָט באַדעקט די ערד, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט, און פון יענער צייט אָן איז זי נאָך ניט אויפגעשטאַנען.

3־טער קאַרליקל. וואָס איז דער וואונדער, וואָס זי שלאָפט? וואָס וועט זי אויפשטיין? אַז דער גאַנצער

וואַלד איז פאַרשנייט און פאַרווייט? זאָל זי בעסער שלאָפן, וועט זי דאָס כאָטש מיט אירע אויגן ניט זען.

1=טער קאַרליקל. היינט אינדערפרי האָט זיך אויף אַ ווײַלע די זון באַוויזן און האָט די ווײַסע ערד מיט אַ בינטל גאָלדענע שטראַלן באַשאָטן. אָט האָב איך זיך דאָס דערפרייט! איך האָב געמיינט, אַז דער פרי=לינג קומט שוין אָן, נאָר באַלד האָט אַ וואָלקן ווידער פאַרצויגן די ליכטיקע זון, און ס'איז דוכט זיך נאָך פינסטערער, נאָך קעלטער געוואָרן. איך האָב מער אויף דרויסן ניט געקענט בלייבן און בין אַריין אין שטוב. איר וועט מיר גלויבן? בײַ מיר האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן—אַזוי אומעטיק איז מיר אויפן האַרצן געוואָרן.

2=טער קאַרליקל. יאָ, איך גלויב דיר. דער ווינטער ציט זיך עפּעס אַזוי לאַנג, דוכט זיך לענגער ווי אַלע מאָל. ס'זייַנען שוין פראָסט דערעסן געוואָרן די שנייען מיט די ווינטן. און די פרעסט! ווי געפעלן אייך די פרעסט? דער פרילינג, ווײַזט אויס, איז ווידער אַרײַנ=געפאַלן צום ווינטער=קיניג אין די הענט אַרײַן.

3=טער קאַרליק. יאָ, שוין לאַנג ניט געווען אַזוינע פרעסט. אַ קראָ האָט מיר דאָ ניט לאַנג דערציילט, אַז זי איז געווען אין צפון=לאַנד, דאָרט, וואו דעם ווינטער=קיניגס פּאַלאַץ שטייט, האָט זי דאָרטן דורך אַ פענסטערל געזען דעם פרילינג: ער זיצט, זאָגט זי, געפאַנגען, און איז אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק! און קאַלט איז דאָרטן, אַ שרעק!

1=טער קאַרליקל. יאָ, איך בין אים ניט מקנא (אַרבעטן, מו. מלען צו אַ לידל)

1=טער העזעלע. וואָס זאָגט איר, ווי לאַנג עס ציט זיך דער ווינטער? ס׳איז עפּעס אַ מעשה אָן אַ סוף.

2=טער העזעלע. מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן וואָלט איך איצט געגעסן פרישינקע גרינינקע בלעטעלעך, נאָר=וואָס אַרויס פֿון די ברויניקע קנאָספּעלעך.

3=טער העזעלע. און די יונגינקע צווייגעלעך? אַ! ווי געשמאַק זיי זיינען!

1=טער העזעלע. אָבער ווי דערלעבט מען שוין דערצו?

4=טער העזעלע. ס׳איז נאָך לאַנג צו וואַרטן. ס׳קענען די אויגן אַרויסקריכן פֿון קאָפּ.

1=טער קראָליקל. איך קען שוין מער אין שטוב ניט זיצן. ס׳ציט מיך שוין אין וואַלד, פֿאַרוואָס לאָזט מען אונז ניט אַרויס?

2=טער קראָליקל. נאַרעלע, דו זעסט ניט, אַז די וואַלד=פּייע שלאָפֿט נאָך. און אַז זי שלאָפֿט, איז אַ סימן, אַז ס׳איז ווינטער, פֿאַרשטייסט?

1=טער קראָליקל. יאָ, אָבער ס׳איז דאָך אַזוי אומעטיק אין שטוב. איר געדענקט, ווי מיר זיינען אַרומגע=שפּרונגען איבער דער לאָנקע? אָט אַזוי — האָפּ, האָפּ! (שפּרינגט) כאַ, כאַ, כאַ, אָט איז דאָס געווען פֿריילעך! איינמאָל, געדענקט איר, איז אַרויס אַ הונט און האָט זיך אָנגעהויבן יאָגן נאָך מיר, נאָר ווער האָט פֿאַר אים מורא? (שפּרינגט) האָפּ, האָפּ, און שוין ניטאָ. אַ פֿריי=לעכע שטיקל צייט געווען! אַ שאָד, וואָס זי איז אַזוי גיך דורכגעלאָפֿן.

3=טער קראָליקל. שטילער, שטילער, זע ווי ער האָט זיך עס צעפֿלאַפּלט. האָסט אויפֿגעוועקט די וואַלד=פּייע

אָט האָט זי זיך אַ ריר געטאָן. זי וועט מסתמא באַלד אויפשטיין. שאַ, זאָל זיין שטיל.

וואַלד-פייע. (עפנט אויף די אויגן, הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך פאַרוואונדערט אַרום, זעצט זיך האַלב אויף, שפּאַרט זיך אָן אויפן עלנבויגן) אַ, ווי לאַנג איך בין געשלאָפן! און די קאַרליקלאַך זיצן נאָך אַלץ אין שטוב, הייסט דאָס, אַז ס'איז נאָך ווינטער (זעצט זיך אויף, לאָזט אַראָפּ די פיס פון בעט. די קאַרליקלעך באַמערקן זי, שפּרינגען אויף)

1-טער קאַרליק. (פריילעך) ביסט שיין אויפגעשטאַנען! אונז איז אַזוי אומעטיק געווען אָן דיר, און וועקן האָבן מיר דיך ניט געוואָלט, דו ביסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אָפּטמאָל אַזוי ליבלעך געשמייכלט פון שלאָף.

וואַלד-פייע. מיר האָבן זיך זיסע חלומלעך געחלומט. אַ, ווי גוט עס איז געווען אין חלום! און אַז מע שטייט אויף (שטייט אויף, גייט צו צום פענסטער, טרויעריק), ווערט אַלץ פאַרשוואונדן. דער וואַלד איז איינגעהילט אין אַ ווייסן קיטל, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, ווי פאַר-כישופט. אַ טויטע שטילקייט הערשט אַרום (גייט אָפּ פונם פענסטער, זעצט זיך ווידער אויף איר געלעגער) און אָקאָרשט ערשט האָב איך זיך אין שלאָף געשפּילט מיטן פרי-לינג אויף דער גרינער לאָנקע אין וואַלד. ער שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן. ער האַלט אַ פולן הויפן בלומען און וואַרפט אין אַלע זייטן, און איבערן גאַנצן וואַלד גיסט אַ רעגן פון בלויע, געלע, רויטע און ווייסע בלומען. די פייגעלעך אויף די ביימער זינגען אַזוי ליבלעך, אַזוי זיס, אַז ס'דוכט זיך, דער גאַנצער וואַלד זינגט מיט זיי צוזאַמען. די זון שיינט אַזוי העל, אַזוי ליכטיק און אירע וואַרימע שטראַלן גיסן

זיך, גיסן זיך אָן אַ שיעור! זיי יאָגן איבער איינער דעם צווייטן און באַשיטן מיט בלאַנקענדיקע גאָלד אַלץ, וואָס זיי באַגעגענען אויפן וועג. אַך, ווי גוט דאָס איז געווען, ווי שיין! און איצט? אַלץ איז טויט, שטיל, נאָר דער ווינט פייפט און די וועלף הוילן (צו די קאַרליקלעך) זיצט ניט אַזוי; (צו די קראָליקלעך און העזעלעך) העזעלעך, קראָליקלעך, וואָס האָט איר זיך פאַרשלאָגן אין די ווינקעלעך? טאַנצט, מאַכט אַ ביסל פריילעכער, מען קאָן דאָך משוגע ווערן פון אומעט. (באַלעט פון די קראָליקלעך).

וואַלד־פייע. ווייסבערדעלע, זינגט אונז עפּעס אויף, ווייסבערדעלע! ער איז גאָר ניטאָ?

1־טער קאַרליקל. ער איז אַוועק אין וואַלד. ער קען ניט איינזיצן אין שטוב. ער גייט יעדן טאָג אַרויס, אפשר וועט ער עמיצן אין וואַלד באַגעגענען. ער וועט מן־הסתם באַלד קומען (ס'הערט זיך אַ פייף) אָט גייט ער שוין, דאָס גיט ער אונז צו וויסן, אַז ער קומט.

ווייסבערדעלע. (קומט אַריין מיט שלמהלען) אָבער גע־פּאַקט אַ העכט! פאָרט ניט אומזיסט געגאַנגען — (באַמערקט די וואַלד־פייע, בייגט זיך פאַר איר) אַ, ביסט שוין אויפגעשטאַנען? אַ גוטן אויפשטאַנד דיר! און פונקט צו דער צייט, איך האָב שוין געקלערט דיך וועקן.

וואַלד־פייע. ווער איז דאָס מיט דיר?

ווייסבערדעלע. דאָס האָב איך אים אין וואַלד באַ־געגנט, האָב איך אים אַהער געבראַכט.

וואַלד־פייע. קום אַהער, יינגעלע, דערצייל, ווער ביסטו,

און ווי אַזוי קומסטו אַהער? שרעק זיך ניט, איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן.

שלמהלע. איך שרעק זיך ניט. איר זעט אויס אַזאַ גוטע, אַז איך האָב פאַר אייך גאָר קיין מורא ניט.
(רירט זיך ניט פונם אָרט).

וואַלד־פייע. קום אַהער נעענטער, דערצייל, ווי אַזוי ביסטו אַזוי ווייט אין וואַלד פאַרגאַנגען?

שלמהלע. איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. איך זוך דעם ווינטער־קיניגס פּאַלאַץ. דאָרט זיצט דער פרילינג געפאַנגען. מיר האָט וועגן דעם דער שניי־מענטש דערציילט. איך האָב באַשטימט דערגיין, וואו דער פּאַלאַץ איז, באַפרייען דעם פרילינג און אויסלייזן די וועלט פון דעם קאַלטן ווינטערס הענט. אָבער ווי נאָר איך בין אין וואַלד געקומען, האָט אָנגעהויבן שיטן אַ געדיכטער שניי און האָט פאַרשאָטן אַלע וועגן און שטעגן. איך האָב קוים די פיס געקענט שלעפּן, אַזאַ טיפער שניי איז דאָס געווען. נאָר איך האָב זיך צוריק ניט אומגעקערט. איך בין געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. איך בין אַזוי מיד געוואָרן, אַז כ'האָב שוין מער ניט געקענט גיין, און האָב זיך שוין געוואָלט צוזעצן אויף דער ערד. האָב איך פּלוצלונג דערזען פונדערווייטן אַ קליין מענטשעלע. איך האָב זיך מיט די לעצטע כּוחות געלאָזט לויפן צו אים. ער האָט מיך זייער פריינדלעך באַגעגנט און האָט מיך אַהער געבראַכט. ערלויב מיר אַ ביסל זיך אָפּרוען ביי דיר אין הויז און שפּעטער וועל איך זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין. איך

ווייס שוין, וואוהין צו גיין, דאָס גוטע קאַרליקל, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָט מיר דעם וועג אָנגעוויזן.

ו ו אַ ל ד ־ פ י י ע. אַזוי? ווילסטו, הייסט דאָס, דעם פרילינג באַפרייען. דו ווייסט אָבער, אַז דאָס איז זייער שווער, אַז דו וועסט אַ סך צרות דאַרפן איבערטראָגן, ביז דו וועסט דיין ציל דערגרייכן.

ש ל מ ה ל ע. איך בין צו אַלץ גרייט. איך וועל אַלץ איבער־טראָגן, אַבי דעם פרילינג אַרויסרייסן פון דעם בייזן ווינטער־קיניגס הענט. איך מוז, איך וועל אים באַ־פרייען.

ו ו אַ ל ד ־ פ י י ע. דו געפעלסט מיר, ייִנגעלע. בלייב ביי מיר אויף עטלעכע טעג. וועסט זיך אויסרוען, וועסטו דאַן קענען גיין. דער וועג איז אַ ווייטער און אַ שווערער.

ש ל מ ה ל ע. ניין, ליבע וואַלד־פייע, איך קען דאָ קיין איבעריקע מינוט ניט פאַרבלייבן. דער פרילינג זיצט דאָרט אין אַ צימער פון אייז, אים איז אַזוי קאַלט, ער איז אַזוי עלנט. ניין, איך מוז שוין באַלד גיין.

ו ו אַ ל ד ־ פ י י ע. גוט, איך וועל דיר ניט אָפּהאַלטן. גיי טו דיין הייליקע אַרבעט. איך וועל דיר מיטגעבן אויפן וועג אַ שטעקעלע. פאַר דעם שטעקעלע וועלן זיך אַלע טירן עפענען. די שטאַרקסטע שלעסער וועסטו מיט דעם אויפברעכן, נאָר היט דאָס, פאַרליר דאָס ניט. און אַז ס'וועט דיר זיין שלעכט, זאָלסטו זיך אינם פרי־לינג דערמאָנען, און דאָס וועט דיר צוגעבן נייע קרעפטן. גיי, מיין קינד, און אַז דו וועסט דעם פרי־לינג באַפרייען, גיב אים אָפּ פון מיר אַ גרוס און זאָג, אַז איך וואַרט אויף אים. (נעמט אַרויס פון הינטער א גיר־לאַנדע אַ שטעקעלע און גיט אים)

ש ל ם ה ל ע. איך דאַנק אַייך זייער, ליבע וואַלד=פייע. איצט האָב איך שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט. ס׳מעג דער ווינטער=קיניג אַליין מיט אַלע זיינע קנעכט אַרויסגיין קעגן מיר, וועל איך זיך ניט אָפּשרעקן. זייט געזונט, טייערע. ליבער פרילינג, איך גיי, איך גיי צו דיר! (לאָזט זיך גיין צום טיר).

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט.*)

די בינע שטעלט פאָר דעם פּאַלאַץ פונם ווינטער - קיניג. אַ גרויסער זאַל פון אייז-שטיקער געבויט. פינף פּאָר אייז-קאָלאָנעס פון ביידע זייטן האַלטן אונטער דעם באַלקן פונם צימער. אין הינטערגרונט שטייט אַ קרוינשטול, איבער וועלכן ס'הענגט אַ ווייס זיידן חופּה-ביידל מיט זילבער געשטיקט. פונ'ם קרוינשטול אין זאַל פירן פיר ברייטע ווייסע טרעפּ. דער ווינטער-קיניג זיצט פאַרטראַכט אויפן קרוינשטול, האַלט אין דער האַנט אַ זיל-בערנעם סקיפּעטר. פון ביידע זייטן שטייען מיט זילבערנע העק אין די הענט צוויי פראָסט. אויף די טרעפּ צוגעבויגן שפּיז צו אַ האַק, זיצן אויף יעדן טרעפּל אַ ווינט מיט אַ פראָסט. ביי יעדער קאָלאָנע שטייט אַ פראָסט מיט אַ לאַנגער זילבערנער שפּיז.

1-טער פראָסט. פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, קיניג?

ווינטער קיניג. פאַרוואָס? די שנייעלאַך האָבן מיר גע-בראַכט אַ שרעקלאַכע בשׂורה. זיי האָבן דערציילט, צו אונזער פּאַלאַץ גייט אַ יינגעלע, וואָס וויל דעם פרילינג באַפרייען. זיי האָבן געפּרוווט די וועגן פאַר-שיטן, נאָר ס'העלפט ניט. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע שוועריקייטן און וויל אַהיים זיך ניט אומקערן-כ'האָב מורא, ער וועט קומען אַהער און וועט דעם פרילינג באַפרייען, —וואָס וועלן מיר דאַן טאָן? שלעכט מיינע ליבע פריינט, זייער שלעכט!

2-טער פראָסט. נעם זיך ניט פונדעסטוועגן אַזוי צום האַרצן, קיניג. אונזערע טירן זיינען פעסטע, גראָבע אייז-טירן, פאַרשלאָסן מיט גרויסע אייז-שלעסער. קיין

מענטש וועט זיי ניט קענען אויפברעכן. דער פּאַלאַץ ווערט באַוואַכט פון אַ גאַנצער ריי געטרייע פּרעסט און ווינטן, וועלכע וועלן קיינעם אַהער ניט אַריינלאָזן. גלויב מיר, קיניג, הער אויף צו טראַכטן וועגן דעם, וואַרף אַוועק דיין מרה־שחורה און לאָמיר ווידער פריילאַך זיין, ווי אַמאָל. אָט וועל איך אַריינרופן די שנייעלאַך, וועלן זיי טאַנצן פאַר דיר, און די ווינטן וועלן צושפּילן צום טאַקט. (שרייט) העי, שנייעלאַך, ווייסינקע, קליינינקע, ווייזט נאָר, וואָס איר קענט. דערפרייט דאָס האַרץ פון אונזער קיניג!

(ס'גייען אריין פיר פרעסט. זיי טראָגן אריין א גרויסן ווייסן לײלאַך, שפּרייטן אים אויס אויף דער ערד. פון אלע פיר קאַנטן זעצן זיך פיר ווינטן מיט פייפלאַך און הייבן אָן צו פייפן. פון ביידע זייטן זאל, פון הינטער די קאלאנעס לויפן ארויס, דרייענדיק זיך — שנייעלאַך).

באַלעט פון די שנייעלאַך.

(די גאַנצע צייט פונם באַלעט שיט פון אויבן א שניי. דער ווינטער־קיניג, זיצט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט. ווען דער באַלעט ענדיגט זיך, בלייבט ער אין דער זעלביקער פּאָזע).

1-טער פּראָסט. נו וואָס, געפעלן? דו ביסט נאָך אַלץ טרויעריק? נו, הער אויף, הער אויף, מ'קען דאָך אַזוי שטענדיק ניט זיצן. הער זיך צו, ווי מיר זינגען. געדענקסט, אַמאָל פלעגט אונזער געזאַנג דיר פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן. (צו די שנייעלאַך) אַ נו, קינדערלאַך, לאָמיר עפּעס אויפזינגען, אָבער אַזעלכעס, אַז די וועלט זאָל אַ ציטער טאָן, און אונזער קיניג זאָל זיין טרויער פאַרגעסן און זיך לאָזן טאַנצן. נו הייבט אָן!

אַלע זינגען.

אין צָפון אין ווייטן
שטייט אונזער געצעלט,
מיר קומען פון דאָרטן
באַהערשן די וועלט,

און ס׳קלאַפּן די האַמערס
פון גרייז=גרויע פרעסט,
עס ציטערן ביימער
ווי פויגלען אין נעסט.

מיר וועבן אַליילאַך
פון זילבער=שניי ווייס
מיר שמידן די טייכן
אין קייטן פון אַייז.

און ווינטן, ווי שֵדים,
צעפליען זיך ווייט,
זיי ברומען, זיי פייפן,
זיי לאַכן פארשייט.

מיר זיינען אַלמעכטיק
צו אונז אַלץ געהערט
עס ליגט צו די פיס אונז
די מאַכטלאָזע ערד.

(דער ווינטער=קיניג זיצט אין דער זעלביקער פּאָזע).

1=טער פראָסט. דאָס געזאַנג פרייט דיך אויך ניט? ווייס איך שוין ניט מיט וואָס דיין אומעט צו פאַרטרייבן. אָבער זאָג, וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו אַזוי מורא?

ווינטער קיניג. ס׳גייט מיר ניט איין דאָס טאַנצן און דאָס זינגען. איך האָב מורא, אַז ס׳וועלן אונז ניט ראַטעווען ניט די פעסטע שלעסער, ניט די גראָבע אייזיגרן, די שנייעלאַך דערציילן, אַז דאָס יינגעלע האָט אַ צויבער=שטעקעלע, מיט וועלכן ער קען די גרעסטע שלעסער עפענען.

2-טער פראָסט. וואָס רעדסטו? ווי קומט צו אים אזאַ שטעקעלע?

ווינטער קיניג. די וואַלד-פייע האָט דאָס אים געגעבן.

1-טער פראָסט. וועלכע וואַלד-פייע?

ווינטער קיניג. דעם פרילינגס שוועסטער. אַ שאָד, וואָס איך האָב זי אויך ניט אַרייַנגעכאַפּט צו זיך אין די הענט אַריין, וואָלטן מיר צו אַזאַ אומגליק ניט געקומען. נאָר איצט איז שוין צו שפּעט. מען קען שוין דערצו גאָרניט העלפן. וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? ווען נאָר דאָס יינגעלע דעם וועג אַהער געפינען, זיינען מיר אַלע דאָ פאַרפאַלן. מיין האַרץ רוט ניט, איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. איך פיל, איך ווייס, אַז ס'וועט אַן אומגליק געשען און דער פרילינג וועט באַפרייט ווערן.

(ס'גייט אריין דער 3-טער פראסט און נייגט זיך פארן קיניג).

3-טער פראָסט. עפּעס אַ יינגעלע האָט זיך באַוויזן פון דערווייטן. ער האַלט זיין וועג צום פּאַלאַץ.

ווינטער קיניג. איך האָב אָבער געוואוסט, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט קומען אהער. (שטייט אַ ווײַלע צעטומלט, נאר באלד גלייכט ער זיך אויס, באפעלט מיט אַ פעסטער שטימע). גלייך איבערקוקן די טירן און אויספרווון די שלעסער! ארויסשיקן פיר צענדליק פרעסט און ארויסלאָזן דעם קאַלטסטן צפון-ווינט! אויסשטעלן פינף מאות שנייעלאך און פארצאמען אים דעם וועג. ביים טויער און ביי די טירן אוועקשטעלן די עלטסטע פרעסט. און טאָמער וועט זיך אים דאָך איינגעבן אריינרייסן זיך אהער אין זאל, זאָלן אלע איבעריקע

שנייעלאך אים ארומרינגלען און פארשיטן. נו, איצט
נאָך מיר! איך וועל גיין אליין איבערקוקן די שלע=
סער פונם צימער, וואו דער פרילינג איז פאַרשלאָסן
(גייט צו דער טיר ליגקס, באקוקט די שלעסער) איצט פון
יענער זייט (גייט אוועק, אלע נאָך אים, צוויי פרעסט טראגן
דעם שלעפ פון זיין קיניג=מאנטל. די בינע איז אווייסע פוסט.
ס'הערט זיך א שטארקער פייפן פון א ווינט, ס'לויפן אריין דער=
שראקן צוויי פרעסט).

1=טער פראָסט. דער קיניג איז דאָ ניטאָ? שלעכט, זיי=
ער שלעכט.

2=טער פראָסט. יאָ, ניט גוט. האָסט געזען? דער שטאר=
קער טויער האָט זיך אליין פאר אים אויפגעעפנט.
און ער איז אין הויף אריין. ער וועט באלד זיין דאָ.
מע דארף וועגן דעם גלייך געבן צו וויסן דעם קי=
ניג. וואו איז ער?

1=טער פראָסט. מע מוז אים באלד אָנזאָגן. קום מיר
וועלן אים אויפזוכן. (גייען אוועק. ס'הערט זיך א גערודער
הינטער דער בינע. ס'לויפן אריין צוויי ווינטן).

1=טער ווינט. וואו איז דער קיניג? מע מוז שוין צו=
גרייטן די שנייעלאך. דאָס ייִנגעלע וועט שוין באלד
זיין דאָ.

2=טער ווינט. לאָמיר זיך צואיילן, ווייל ער איז שוין
גאַנץ נאָענט, ס'קען שוין אמאָל זיין צו שפעט.
(זיי לויפן אוועק. דער גערודער הינטער דער בינע ווערט שטאר=
קער. ס'הערט זיך דייטלאך א ווינט פייפן. פלוצלונג דערהערט זיך
א פרילינגס=ליד, וועלכע שלמהלע זינגט).

שלמהלע (הינטער דער בינע).

אָט קומט שוין דער פרילינג
ווי ליכטיק עס ווערט,
פון שלאָף צו אים שמייכלט
די גליקלאכע ערד.

פארשוואונדן די שנייען,
די ווינטן, די קעלט,
דער וואלד הייבט אָן גרינען
ער פרייט זיך, ער קוועלט.

(ס הערט זיך א קלאפ אין טיר רעכטס. זי עפנט זיך אליין און שלמהלע גייט אריין אין זאל, האלטנדיק דאס שטעקעלע פון דער וואלד־פייע אין דער האנט).

שלמהלע. סוף־כל־סוף בין איך ביי מיין ציל. אָט דאָס איז דאָס דעם ווינטער־קיניגס פאלאץ, וועגן וועלכן איך האָב אזוי פיל געהערט. ווי שיין דאָ איז, אָבער ווי קאלט! נאָר וואו איז דער צימער, אין וועלכן דער פרילינג איז פארשלאָסן? מע דארף אים וואָס גיכער געפינען (הויבט אן גיין לינקס. פלוצלונג הייבט אן שיטן פון אויבן א שניי, פוןביידע זייטן זאל, פון הינטער די קאלאנעס לויפן ארויס שנייעלאך, דרייען זיך און רינגלען אים ארום. וואס ווייטער דרייען זיי זיך אלץ שנעלער). א, סאר א געדיכטער שניי! אין מיטן פאלאץ א שניי. הייגט דרייט ער זיך אזוי, אז אין די אויגן הייבט אָן צו שימערירן, און דער קאָפּ הייבט דוכט זיך אָן ארומצוגיין. דאָס איז מיסתּמא א נייער שפיצל פונם ווינטער־קיניג. נאָר אומזיסט. קיין זאך קען מיך שוין איצט ניט אָפּהאלטן. די שווערסטע טייל פון מיין ארבעט איז שוין אָפּגעטאָן. איצט פארויס, צום פרילינג! (דער שניי שיט געדיכטער, די שנייעלאך דרייען זיך שנעלער, פון אלע זייטן קומען צו נאך שנייעלאך, רינגלען אים ארום אלץ ענגער און ענגער שלמהלע פרווט מיט די לעצטע כוחות גיין ווייטער) אָבער ווי שווער עס איז צו גיין! איך קען ניט, איך בין מיד.

איך וועל זיך צוזעצן אויף אַ ווייליע, אויף איין ווייליקנע (וויל זיך זעצן) נאָר ניין, מע טאָר ניט. איך קען נאָך פארפראָרן ווערן. מע מוז גיין ווייטער; מע מוז אָנשטרענגען די לעצטע כוחות. פּאָרויס, פּאָרויס! אָבער איך קען ניט, איך פיל, אז די פיס האקן זיך מיר אונטער. כאָטש איין מינוט זיך אָפּרוען. א, ווי דער קאָפּ דרייט זיך, ווי די אויגן טוען וויי, און ווי קאלט דאָ איז! איך פיל, איך ווער פארפראָרן. מייגע כוחות פארלאָזן מיך. דער גאנצער צימער דוכט זיך דרייט זיך ארום מיר. וואו בין איך? וואו בין איך?

(הייבט זיך אָן אראפּלאזן א מאכטלאזער אויף דער ערד, נאר פלוצלונג הייבט ער זיך אויף, גלייכט זיך אויס) איך ווייס, איך בין ביים ווינטער קיניג. איך קום באפרייען דעם פרילינג. ליבער פרילינג, איך גיי, איך גיי צו דיר (זינגט)׃

אָט קומט שוין דער פרילינג,
ווי ליכטיק עס ווערט.
פון שלאָף צו אים שמייכלט
די גליקלאַכע ערד.

פארשווונדן די שנייען,
די ווינטן, די קעלט,
דער וואלד הייבט אָן גרינען
ער פרייט זיך, ער קוועלט.

(גיט א פּאַך מיטן שטעקעלע, די שנייעלאך צעלויפן זיך, בלייבן שטיין ביי די ווענט. ער לאזט זיך גיין צום צימער לינקס. ווען ער קומט צו נאענט, באווייזן זיך פון הינטער דער נאנטסטער קאלאנע דער ווינטער־קיניג מיט צוויי פרעסט. ער שטעלט זיך אין מיטן הייבט אויף דראענדיק זיין סקיפּעטר, די צוויי פרעסט ביי די זייטן קרייצן צונויף זייערע העק. שלמהלע בלייבט א וויילינקע שטיין צעטומעלט קומט אבער באלד צו זיך, גייט ווייטער) אָ, איר וועט מיך ניט אָפּשרעקן! איר וועט מיך ניט אָפּהאלטן, איך בין שוין שווערערע זאכן איבערגעקומען. פון וועג אראָפּ!

(גיט א פאך מיטן שטעקעלע, די פרעסט צעלויפן זיך אין פארשיידענע זייטן, אוועקוואַרפנדיק די העק, דער ווינטער קיניג בויגט זיך איין לאזט אראפ דעם סקיפּעטער, נאר בלייבט שטיין אויף זיין ארט) געגוג, דיין צייט האָט זיך שוין געענדיגט, איצט טרעט אָפּ דיין אָרט דעם פרילינג. אַוועק פון טיר! (גיט א פאך מיטן שטעקעלע, רירט אן דעם סקיפּעטער. ער פאלט ארויס פונם ווינטער-קיניגס הענט, און דער ווינטע-רקיניג לויפט אפּ צו די טרעפּ פונם קרוין שטול, ווי אפּגעוואָרפן פון א שרעקלאכער צויבער-קראפט פאלט אויף די טרעפּ און פארדעקט דעם פּנים מיט די הענט שלמהלע גייט צו צו דער טיר, גיט א קלאפּ מיטן שטעקעלע. די טיר עפנט זיך. שלמהלע בלייבט שטיין אויפן שוועל) ענדלאך האָב איך דערגרייכט מיין ציל. נאָר ווי פינסטער דאָ איז, מע זעט גאָר ניט! (גיט א פאך מיטן שטעקעלע) זאָל ליכטיק ווערן, איך וויל דעם פרילינג זען. (ס'ווערט ליכטיק שלמהלע לויפט אריין אין צימער, ס הערט זיך זיין קול) ליבער פרילינג, דו ביסט פריי! געפאלן איז די מאכט פונם שרעקלאכן ווינטער-קיניג! (גייט ארויס. פירט ביי דער האנט דעם פרילינג מיט א בלומען קראנץ אויפן קאפּ און די הענט געשמידט אין קייטן). סאר א שלעכטער ער איז, דער ווינטער קיניג, ער האָט דיך אין קייטן געשמידט, וויפל צָרות האָסטו נעבאך איבערגעליטן. אָבער גע-נוג. מער ווערסטו שוין ניט ליידן, דו ביסט פריי (גיט א קלאפּ מיטן שטעקעלע, די קייטן פאלן אראפּ אויף דער ערד) איצטער קענסטו שוין גיין באפרייען די וועלט פון אירע אייז-קייטן. קום, מיין פריינט, דו וועסט באצירן די ערד מיט שיינע שמעקעדיקע בלומען, קום, לאָמיר קיין צייט ניט פארלירן, די וואַלד-פייע וואַרט אויף דיר.

פרילינג. איך דאנק דיר, מיין ליבער פריינט, פאר דער באפרייאונג. איך ווייס גאנץ גוט, וויפל דיר איז אויס־געקומען אויסצושטיין. נאָר ווייס, ניט נאָר מיך אליין האָסטו באפרייט, די גאנצע וועלט האָסטו באפרייט (נעמט אראפּ זיין קראַנץ פונם קאָפּ, טוט אים אן אויף שלמהלען) מיין ליב קינד, דו ביסט מיין בעסטער פריינט, מיין ברודער (קושט אים צארטלאך) קום מיט מיר, צוזאמען וועלן מיר די וועלט אויפוועקן פונם טיפן שלאָף. פארשווינדט איר קאלטע ווינטן, פרעסט און שנייען! געינוג אייך צו געוועלטיקן! (די פרעסט און שנייעלאך לויפן אוועק) און איצט צו מיר, מיינע געטרייע פריינט! מאַי־גלעקלאך, פיאלקעס, ראָמאשקעס, מארגאריטקע־לאך, אהער קומט! לאָמיר אלע גיין באפוצן די גרינע ערד (פון אלע זייטן לויפן ארויס בלומען, גרופּירן זיך ארום שלמהלען מיטן פרילינג, פון אויבן הייבט אן שיטן א רעגן פון בלומען אויף די קעפּ פון שלמהלען מיטן פרילינג).

באלעט פון די בלומען

(ביי דער ענדע פונם באלעט גרופּירן זיך אלע ארום שלמהלען מיטן פרילינג. זינגען).

כאָר־באלעט.

עס קומט שוין דער פרילינג,
ווי ליכטיק עס ווערט.
פון שלאָף צו אים שמייכלט
די גליקלאכע ערד.

אָט באָדן אין טייכל
זיך שטראלן א פּאָר,
זיי קושן ביי וועלכלאך
די זילבערנע האָר.

פארשווונדן די שנייען,
די ווינטן, די קעלט,

און יום־טובדיק שטייען
די בלומען אין פעלד,

דער וואלד הייבט אָן גרינען
ער שמייכלט, ער קוועלט.

זיי פינקלען, זיי לויכטן,
פארשיינען די וועלט.

און פייגעלאך צוויטשען
אָן אויפהער אין וואלד:
זאָל לעבן דער פרילינג,
דער זומער קומט באלד!

שלמהלע. ווי גליקלאך איך בין! דער פרילינג איז פריי! ניטאָ שוין מער קיין שניי, קיין אייז. בלומען, פון אלע זייטן שיינע פרישע בלומען. און איך? צוזאמען מיטן פרילינג! דעם פרילינגס א ברודער. ווי גוט, אך, ווי גוט מיר איז!... (ביי די לעצטע ווערטער פרווט דער ווינטער קיניג זיך אויפהייבן, נאר ער פאלט גלייך צוריק, ציט זיך אויס און בלייבט ליגן טויט).

(פארהאנג)